ווענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# קרית ברסלב בלעטל

פרשת בלק, ט"ז תמוז תשפ"א לפ"ק
שנה ב' גליון פ"ד

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות........................8:19
מוצאי שבת.............................9:50

## א מעשה פון תפלה

### יוסי שניטצלער

ס'איז אנגעקומען די צייט וואס איך האב שוין געדארפט צוריקגעבן מיין קאר פאר די קאמפאני, ווער עס האלט מיט ווייסט אז ס'איז דא יעצט א מאנגל אין קארס, און אויב ס'איז יא דא איז עס אסאך טייערער ווי געווענליך, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען האבן אזא קאר וואס איך האב יעצט אבער נישט פאר א טייערע פרייז, למעשה האט מיר די קאמפאני געזאגט אז איך קען אויסציען די ליעס פון די קאר פאר נאך אפאר חדשים אבער עס וועט מן הסתם קאסטן בערך הונדערט דאלער מער א חודש, איך זאל אריינגעבן א אפליקאציע פאר די קאמפאני און זיי וועלן צוריק קומען מיט אן ענטפער אויב זיי נעמען עס אן און וויפל עס וועט קאסטן.

איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן זיי זאלן מיר זאגן אז איך קען האבן די קאר פאר נישט א טייערע פרייז, שכח אייבערשטער זיי זענען צוריק געקומען מיר זאגן אז איך קען ווייטער האבן די קאר, און די פרייז וועט נאר זיין מיט דרייסיג דאלער מער א חודש.

### ברוך יאקאבאוויטש

איך בין אוועק געפארן פאר אפאר טעג פון שטעטל, אנקומענדיג אהין זעה איך עס פעלט די בערזל פון מיין ווייב - וואס דאס האב איך זייער וויכטיג געדארפט האבן, איך האב געטראכט אפשר איז עס אריינגעפאלן אין די מיסט, איך האב שוין געוואלט אנהייבן עפענען די גארבעדזש בעגס, אבער פארן דאס טוהן האב איך שטילערהייט געבעטן דעם אייבערשטן "אייבערשטער העלף מיר טרעפן די בערזל גרינגערהייט אן קיין שוועריקייטן", איך האב געבעטן איינעם אין שטעטל זאל גיין קוקן ביי מיין דירה אויב עס ליגט דארט, שכח אייבערשטער מען האט עס געטראפן דארט ליגן. שכח אייבערשטער!

### פנחס דוד וועבערמאן

שבת פרשת קרח האב איך ברוך השם זוכה געווען צו מאכן א קידוש אין שטעטל פאר מיין קינד וואס איז געבוירן געווארן למזל טוב, מיין שווער און שוויגער האבן געוואלט מיטהאלטן די שמחה, איך האב אנגעהויבן זיכן א דירה פאר זיי וואס איז נישט ווייט פון בית המדרש - אבער נישט געטראפן, גלייך האב איך מיך געכאפט אז אן תפלה גייט גארנישט, האב איך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן א פיינעם דירה פאר זיי נאנט צום בית המדרש, שכח אייבערשטער גלייך נאכדעם האב איך געטראפן א גוטע דירה וואס איז נאכדערצו געווען נאנט צום בית המדרש.

## ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען
א חשובע משפחה וואס האט זיך
אהערגעצויגן

**אברהם דוד לאקס נ"י וזוגתו שיינדל תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן
מצליח זיין אינעם הייליגן שטעטל.

## סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א
הערצליכן מזל טוב פאר

**נחמן שמואל יאקאבאוויטש נ"י וזוגתו אסתר תחי'**

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן
אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער.

## נייעס אין שטעטל

### זומער סעזאן אין שטעטל

די זומער סעזאן האט זיך אנגעהויבן ברוך השם מיטן גאנצן קנאק, אנשי שלומינו פון שטאט זענען ארויס געקומען פאר די זומער וואכן צו פארברענגן אביסל צווישן די גראז און ביימער, און זיך אנשעפן מיט די ריינע קלארע אמונה וואס דער ראש ישיבה שליט"א לייגט אריין אין אונז במשך די זומער טעג.

אזוי אויך זענען די חשובע בחורים פון ישיבה ארויסגעקומען אין שטעטל, וואו זיי וועלן זיך אויפהאלטן במשך דעם גאנצן זומער, און עס וועט ווערן אויסגענוצט צו אריינכאפן פרקים משניות און בלעטער גמרא, און שפאצירן אין פעלד צווישן די גראז און ביימער זיך אויסשמיעסן מיטן אייבערשטן אלעס וואס ליגט אויפן הארץ.

דעם ערשטן שבת פרשת חקת זענען שוין די חשובע משפחות פון שטאט ארויסגעקומען, מען האט זוכה געווען צו האבן גאר א שיינער שבת מיטן ראש ישיבה שליט"א, וואס האט משמיע געווען במשך דעם שבת גאר שיינע שיעורים פון התחזקות און עצות אויף די וועג וויאזוי דער הייליגער רבי לערנט אונז.

פרייטאג צונאכטס איז פארגעקומען א באטע צוזאמען מיט א שלום זכור ביי האברך נחמן שמואל יאקאבאוויטש הי"ו, דער ראש ישיבה שליט"א האט ארום גערעדט די גרויסקייט פון עוסק זיין אין הפצה – פארשפרייטן די עצות פונעם הייליגן רבי'ן פאר אנדערע, דער ראש ישיבה שליט"א האט ארום גערעדט די חשיבות פון משפחת יאקאבאוויטש וואס זענען עוסק גאר שטארק אין הפצה, און דאס דארף זיין די שאיפה פון יעדן איינעם, ווייל איינער וואס ברענגט צוריק מענטשן צום אייבערשטן איז העכער פון אלעס.

אינדערפרי פאר שחרית איז פארגעקומען א שיינע שיעור אין ספר פעולת הצדיק די גרויסקייט פון זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה (זעהט דעם גאנצן שיעור אין ספר אשר היה אל יואל). נאכן דאווענען האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט סיפורי מעשיות מעשה י' די מעשה פונעם בערגער ועני (זעהט דעם גאנצן שיעור אין גליון סיפורי מעשיות).

שלש סעודות האט דער ראש ישיבה שליט"א גאר שטארק ארום גערעדט פון דעם וואס משה רבינו האט אויפגעהאנגען א קופערנע שלאנג און ווער עס האט געקוקט אויף דעם איז געווארן אויסגעהיילט, דאס איז געווען צו לערנען ווען מען דארף א ישועה דארף מען ארויף קוקן צום אייבערשטן און זיך פארלאזן נאר אויף אים (זעהט דעם גאנצן שיעור אין ספר אשר היה אל יואל).

ביי מלוה מלכה האט דער ראש ישיבה שליט"א פארציילט דריי מעשיות פון צדיקים ארויסברענגענדיג אז א מענטש זאל זיך קיינמאל נישט אויפרעגן ווען עפעס גייט נישט וויאזוי מען וויל, נאר שטענדיג זיך פארלאזן נאר אויפן אייבערשטן (הערט דעם גאנצע שיעור אויף קול ברסלב).

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט״א

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ח׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאַי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

**אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אַזוֹי גוּט דָא אִין שְׁטֶעטְל**, מֶען שְׁפִּירְט דָא אַזַא רֵיינְקֵייט; אַ לוּפְט פוּן אֱמוּנָה, אַ לוּפְט פוּן שִׂמְחָה; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה דָא.

**דִי וָואךְ הָאבְּן זִיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן נָאךְ פִיר טַייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת**, מִשְׁפַּחַת ר׳ יַעֲקֹב לֶעזֶער נֵרוֹ יָאִיר, מִשְׁפַּחַת ר׳ רְאוּבֵן בִּירְנְבּוֹים נֵרוֹ יָאִיר, מִשְׁפַּחַת זֶעלְקָאוִויטְשׁ שֶׁיִּחְיוּ אוּן מַיין זוּן ר׳ שְׁלֹמֹה נֵרוֹ יָאִיר.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **דֶער שְׁטֶעטְל אִיז אַ פְּלַאץ וואו גוּטֶע מִשְׁפָּחוֹת קוּמֶען צוּ גֵיין**; בַּיי אַסַאךְ נֵייעֶ פְּלֶעצֶער, נֵייעֶ גֶעגֶנְטֶער, זֶען מֶען עֶס קוּמֶען צוּ לוֹיפְן מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֶענֶען נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ, מֶענְטְשְׁן וָואס זוּכְן צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן זִיךְ, זֵיי זוּכְן צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה וְכַדוֹמֶה, עֶס אִיז דָא גַאנְצֶע נֵייעֶ גֶעגֶנְטֶער וָואס רוֹב מִנְיָן אוּן רוֹב בִּנְיָן זֶענֶען פוּן נִישְׁט צוּפְרִידֶענֶע מִשְׁפָּחוֹת. דִי אִינְגֶעלַייט הֵייבְּן אָן צוּבִּיסְלִיךְ אַרָאפְּנֶעמֶען אַ שְׁטִיקְל בָּארְד, דִי פְרוֹיעֶן טוּעֶן אוֹיס דִי שְׁטְרִימְפּ, לָאזְן זִיךְ וַואקְסְן הָאר - הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

**דָא אִין שְׁטֶעטְל אִיז גָאר פַארְקֶערְט**, עֶס קוּמֶען מִשְׁפָּחוֹת, מֶען זֶעט בַּיי דִי אִינְגֶעלַייט צוּבִּיסְלִיךְ קוּמְט צוּ אַ בָּארְד, דִי פְרוֹיעֶן שֶׁערְן זִיךְ אָפּ; נִישְׁטָא קַיין אֵיין מִשְׁפָּחָה אִין שְׁטֶעטְל וָואס גֵייט מִיט אֵייגֶענֶע הָאר, מִשְׁפָּחוֹת וָואס פְלֶעגְן זִיךְ נִישְׁט שֶׁערְן - הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין שְׁטֶעטְל זִיךְ אָפְּצוּשֶׁערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל וַוייטֶער אַזוֹי זַיין, **וֶוער עֶס זוֹכְט אַ פְּלַאץ פוּן קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה, דִי וֶועלְן קוּמֶען דָא וואוֹינֶען.**

~ ~ ~

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת פוּן ״מַחֲנֶה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב מַאנְטִיסֶעלָאו״ שֶׁיִּחְיוּ.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ אִין אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ ״**מַחֲנֶה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב**״ מַאנְטִיסֶעלָאו נְיוּ יָארְק; **אַ פְּלַאץ וָואס אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיף אֱמוּנָה.**

מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען אִין קֶעמְפּ פַאר אֵיין צִיל - זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט אֱמוּנָה אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת אוֹיף דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז דָאס גֶעלֶערְנְט. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה ״**הִתְבּוֹדְדוּת**״; מִיר זָאלְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אוּנְזֶער שְׁפְּרַאךְ כַּאֲשֶׁר יְדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ - אַזוֹי וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס מִיט אַ חַבֵר. וֶוען מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן; **מֶען לֶעבְּט אָן קַיין פַּחַד אוּן אָן קַיין מוֹרָא**, מֶען וֶוערְט נִישְׁט גֶערֶעגְט וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען וִויל אוּן מֶען אִיז רוּאִיג אוּן צוּפְרִידְן.

אִיךְ דַאנְק אַייךְ אַלֶע טַייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת פַארְן **זִיךְ אוֹיפְפִירְן אַזוֹי שֵׁיין אוּן אֵיידְל**, פַארְן אָנְטוּן דִי קִינְדֶער אֵיידְל אוּן צְנִיעוּת׳דִיג אוּן בְּעִיקָר פַארְן לֶעבְּן פַאר זִיךְ. יֶעדֶער אֵיינֶער לֶעבְּט פַאר זִיךְ, מֶען טוּט זִיךְ נִישְׁט אָן טַייעֶר אוּן מֶעכְטִיג; **מֶען לֶעבְּט נִישְׁט פַאר אַ צְוֵוייטְן**, יֶעדֶער לֶעבְּט פַאר זִיךְ אַלֵיינְס. עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין קָאמְפֶּעטִישְׁן וֶוער עֶס קֶען אָנְטוּן דִי קִינְדֶער מֶער אוֹיפְרַייסֶערִישׁ, **נָאר מֶען לֶעבְּט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן** אוּן מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן. עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַרוֹיפְקוּקְן אָדֶער אַרָאפְּקוּקְן אַ צְוֵוייטְן, אַלֶע שְׁמוּעֶסְן צוּזַאמֶען, אַלֶע זִיצְן אִינְאֵיינֶעם, מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵּק אִינְאֵיינֶעם, מֶען גֶעבְּט זִיךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן אוּן **מֶען הֶעלְפְט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן**; דָאס אִיז מַיין גַאנְצֶע נַחַת אוּן דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי קְהִילָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַלֶע הָאבְּן אַ גֶעזוּנְטְן זוּמֶער אוּן מִיר זָאלְן זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ.

~ ~ ~


**דער הייליגער רבי נתן האט געזאגט: אפילו דער גרעסטער בעל עבירה, אויב וועט ער זיך האלטןביים רבי'ן...**

וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?

א) וועט ער באקומען א ריינע מוח
ב) וועט ער אים ארויסציען פון גיהנום
ג) וועט ער אלעס פאררעכטן
ד) וועט ער נישט דארפן פאסטן

חידודות אפטיילונג



דער געוואונער פון פאריגע וואך איז אדי שטיינבערג תחי׳
תלמודה בית פיגא קרית ברסלב ליבערטי

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

ענטפערס פון פאריגע וואך

א פלאץ וואו מען קריגט זיך דארט איז דער שטן

מיט גרויס פרייד טוען מיר מעלדן
די עפענונג פון אונזער נייע דריי גוד
סטאר דא אין שטעטל, וואו מען וועט
קענען קויפן אלע דריי גוד געברויכן
פאר גאר גוטע פרייזן

B&H Drygoods

קאפלעך, ציצית, העמעדער, הויזן,
זאקן און אזוי ווייטער.

רופטס
משפחת ברוך יאקאבאוויטש
845-320-3332

Master Fencing

**Do you need a fence**
**Master Fencing is here to serve you**
**call us for a estimate**

Avrumy Shtern
845-325-6778